שנה א' גליון ח'
**פרשת וישלח**
תשפ"ד

גליון
# יומא בהילולא

## לוח ההילולא

<u>י"ט כסלו</u>

א) הגאון רבי יהושע פאלק הלוי יונגרייז זצ"ל אב"ד טשעטשע.
ב) הרה"ק רבי חיים האלבערשטאם זצ"ל דומ"ץ דק"ק סאטמאר.

<u>כ' כסלו</u>

א) הרה"ק רבי משולם פייבוש הלוי העללער מזיבארזש זצ"ל בעל יושר דברי אמת.
ב) הרה"ק רבי דוב בער פארמער זצ"ל מאושפיצין.

<u>כ"א כסלו</u>

א) הגאון יעקב קאפל אלטענקונשטאדט זצ"ל אב"ד ווערבוי.
ב) הגאון רבי יוסף פרעסבורגער זצ"ל ראב"ד מאטעסדארף.
ג) הרה"צ רבי דוד טווערסקי זצ"ל אדמו"ר מהוצאליס – באהוש.

<u>כ"ב כסלו</u>

א) הגה"ק רבי משולם [שלמה] זלמן מירלש ניימארק זצ"ל אב"ד אה"ו.
ב) הגאון רבי אברהם גלאזנער זצ"ל אבדק"ק קלויזנבורג.

<u>כ"ג כסלו</u>

א) הגאון רבי דוד טעבלי שיף זצ"ל גאב"ד לאנדאן.

<u>כ"ד כסלו</u>

א) רבינו אברהם אבולעפיא זצ"ל.

<u>כ"ה כסלו</u>

א) הגאון רבי יעקב יוקב עטלינגער זצ"ל אבד"ק אלטונא בעל ערוך לנר.
ב) הגאון רבי חיים האגער מאנטוניא זצ"ל.

## י"ט כסלו

**הגאון רבי יהושע פאלק הלוי יונגרייז זצ"ל**
**אב"ד סאנטוב**

געבוירן שנת תר"ט צו זיין פאטער הגאון רבי שרגא פייש הלוי יונגרייז זצ"ל אב"ד טשעטשע און זיין מוטער מרת רחל רבקה ע"ה בת הגאון רבי יהושע פלק ביכלער זצ"ל אב"ד סודיטץ וסעטשען. ער האט געלערנט ביי הגה"ק בעל כתב סופר זצ"ל אין פרעשבורג. ער האט חתונה געהאט מיט מרת מאטל חיה ע"ה בת רבי יהודא לייב הירשפעלד זצ"ל פון ווייצען. בשנת תרמ"ז איז ער געווען רב אין שטאט נאדי-שאללא דארט האט ער אויך מרביץ תורה געווען פאר תלמידים און געהאט א ישיבה. בשנת תרנ"ה איז ער געווארן רב אין ק"ק שטיינמאנגער [-סאמבאטהעלי], דארט האט ער לוחם געווען קעגן די מהרסי הדת פון שטאט און ער האט צוליב די רדיפות געדארפט אוועקגיין פון דארט. בשנת תרנ"ח איז ער געווארן רב אין שטאט סאנטוב, דארט האט ער געפירט א ישיבה און געווען פון די זקני וחשובי פון די רבנים אין אונגארן. ער איז נסתלק געווארן מוצאי שבת פרשת וישלח אל"י י"ט כסלו שנת תרפ"ט ומנו"כ אין שטאט סאנטוב. (ראה עלי זכרון 11)

**הרה"ק רבי חיים'ל האלבערשטאם זצ"ל**
**דומ"ץ דק"ק סאטמאר**

געבוירן שנת תרמ"ה אלס בכור צו זיין פאטער הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זצ"ל און זיין מוטער מרת שרה מרים בת הרה"ק רבי מרדכי דוב טווערסקי זצ"ל מהארנאסטייפל. שוין יונגערהייט האט זיין זיידע הרה"ק מהארנאסטייפל זצ"ל אסאך משתעשע געווען מיט זיין חריפות און שכל הישר. ער האט חתונה געהאט מיט מרת שפרה צפורה ע"ה בת הרה"ק רבי אברהם שלום פנחס הלוי ראטטענבערג זצ"ל האדמו"ר מוואלברום-טשענסטכאוו. זי איז ליידער אוועק יונגערהייט, האט ער חתונה געהאט בזוו"ש מיט מרת חוה בת הגה"צ רבי ברוך רובין זצ"ל אב"ד בריזדאוויץ מח"ס שארית יעקב. אלס יונגערמאן האט ער זיך באזעצט אין שטאט סאטמאר וואו עס האבן זיך ארום אים צונויפגענומען שרידי חסידי צאנז און שינאווא, און ער האט געפירט זיין אייגן בית המדרש. אין יאר תרפ"ט איז ער אויפגענומען געווארן דורך די אשכנזים אלס דיין ומו"ץ פון שטאט סאטמאר. רבי חיים'ל איז געווען בארימט מיט זיין צדקות, קדושה און גאונות, זייענדיג א חריף עצום און בקי נפלה בתורה, א מתמיד גדול וואס לא פסק פומיה מגירסא, א תלמוד חכם גדול ובעל הוראה מובהק, און דערצו א צדיק תמים ועובד ה' וואס פילע האבן זיך מסתופף געווען בצלו און מקבל געווען יראה וחסידות. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ט כסלו שנת תש"ב זייענדיג זיבן און פיפציג יאר אלט ומנו"כ אין אוהל פון הרה"ק מנאסוד זצ"ל אין שטאט סאטמאר. (ראה שנות דור דור)

## כ' כסלו.

**הרה"ק רבי משולם פייבוש הלוי העללער מזיבארזש זצ"ל**
**בעל יושר דברי אמת**

געבוירן בערך שנת ת"ק צו זיין פאטער הגאון רבי אהרן משה זצ"ל אב"ד סניאטין, וואס איז געווען א בא"ב פון הגה"ק רבי יום טוב ליפמאן זצ"ל בעל התוספות יום טוב, און זיין מוטער מרת וועכנא ע"ה בת הגאון רבי ישראל משה ירושלמי זצ"ל אב"ד טיסמעניץ. אין די יונגט האט ער משקיע געווען כל כולו בלימוד התורה און איז געזעצן אין בית המדרש וואו ער האט געהארעוועט מיט א געוואלדיגע יגיעה און התמדה. ער האט געלערנט ביי הגאון רבי משה צבי העללער זצ"ל אב"ד באקשעוויץ ובעל גאון צבי אינאיינעם מיט זיין ידיד, הגאון רבי צבי הירש קרא זצ"ל, וואס איז שפעטער געווען רב אין בוטשאשט ובעל נטע שעשועים. ער האט חתונה געהאט בזיוו"ש (עס איז נישט באקאנט ווער זיין ערשטע זיווג איז געווען) מיט מרת יענטל ע"ה בת הגאון רבי מרדכי מבערזשאן זצ"ל. ער האט זיך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק רבי דובער ממעזריטש זצ"ל, הרה"ק רבי מענדלע מפרימשלאן זצ"ל ועוד, ובמיוחד ביי הרה"ק רבי יחיאל מיכל מזלאטשוב זצ"ל וואס איז געווען זיין רבו המובהק וואו ער אליין איז מעיד אנהייב פון זיין ספר "ואני זכיתי לראות רק פני תלמידו האלקי רבי דוב בער זללה"ה וכו' אף כמה פעמים הייתי לפני האשל האלקי רבי מנחם מענדל מפרעמישלאן עליו השלום זלה"ה זכותו יגן עלינו וביותר להבדיל בין המתים ובין החיים אשר שמעתי מפה קדש הקדשים בנן של קדושים צדיק בן צדיק הרב המפלוג האלקי מורנו הרב יחיאל מיכל נרו יאיר" ער איז האט משמש געווען ברבנות אין שטאט זיבארזש. וואו דארט האט ער אונגעפירט מיט די עדה הקדושה. ער איז געווען א גאון עולם, הרה"ק רבי אייזיק'ל מקאמארנא זצ"ל דריקט זיך אויס אויף זיינס א פסק, "מה שאמר שיצא הפסק הזה מפה קדוש מורינו ורבינו א"א קדוש ונורא מו"ה פייבש מזברז' בוודאי פסקו אמת ויציב ואנו שומעין את דבריו כאילו יצאו מפי השכינה" (משה אורג

מקוואות פ"ז משנה א' אות ב'). ער איז נסתלק געווארן ביום כ' (וי"א ב' כסלו) שנת תקנ"ה ומנו"כ אין זיבארזש. בעל מחבר ספר יושר דברי אמת. (ראה בקונטרס אורחות יושר)

**הרה"ק רבי דוב בער פארמער זצ"ל**
**אב"ד אושפיצין**

געבוירן צו זיין פאטער רבי משה ז"ל. ער איז געווען א תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי שלמה מקשאנוב זצ"ל, און איז אויך געפארן זיך מסתופף זיין בצ"ק פון הרה"ק דער רבי פון לובלין זצ"ל, הרה"ק רבי קלונימוס קלמן מקראקא זצ"ל בעל מאור ושמש, הרה"ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ זצ"ל בעל זרע קודש, הרה"ק רבי מאיר'ל אפטער זצ"ל בעל אור לשמים און הרה"ק רבי שמעון מיערסלוב זצ"ל. בנעוריו איז ער געווען א מלמד תינוקות און פארהוילן זיין גרויסקייט. שפעטער איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין אושפיצין [- אויסשוויץ]. נאכן הסתלקות פון רבו הרה"ק רבי שלמה מקשאנוב זצ"ל, איז ער געווארן מ"מ און טויזנטע חסידים זענען געפארן צו אים. ער איז געווען מפורסם אלס גאון עצום, חריף ומפולפול נפלא און געווען א גרויסע בעל מפות. ער איז נסתלק געווארן ביום כ' כסלו שנת תקצ"ח. מח"ס דברי צדיקים. (ראה בספר שלש עדרי צאן)

## כ"א כסלו

**הגאון יעקב קאפל רייך אלטענקונשטאט זצ"ל**
**אב"ד ור"מ ווערבוי**

געבוירן ביום ב' אייר שנת תקכ"ו אין שטאט אלטענקונשטאט, צו זיין פאטער רבי צבי הירש ז"ל. ער האט געלערנט ביי הגאון רבי יוסף שטיינהארט זצ"ל אב"ד פירדא, ביי הגאון רבי צבי הירש חריף זצ"ל אב"ד פוזנא, הגאון בעל נודע ביהודה זצ"ל אב"ד פראג און ביי הגאון בעל מהר"מ מרבי זצ"ל אין פרעשבורג. בשנת תקמ"ט האט ער חתונה געהאט מיט מרת רייזל בת רבי אברהם פעסעלס ז"ל פון שטאט שטאמפי. שפעטער, נאך וואס זי איז נפטר געווארן בשנת תקנ"ט, האט ער חתונה געהאט מיט איר שוועסטער מרת ליבלא ע"ה. בשנת תק"ס איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט קאדעלבורג, ובשנת תקס"ד איז ער געווארן רב אין ווערבוי. דארט האט ער געהאט א ישיבה און מרביץ תורה געווען פאר תלמידים. ער איז געווען א מפורסם אלס חריף עצום און גאון אדיר און מען האט אים גערופן רבי קאפל חריף. ער איז נסתלק געווארן בשנת תקצ"ו ומנו"כ אין שטאט ווערבי. בעל מחבר ספר חידושי יעב"ץ על מס' חולין. (ראה בספר תולדות יעקב לרי"ק דושינסקיא ובעלי זכרון 23)

**הגאון רבי יוסף פרעסבורגער זצ"ל**
**ראב"ד מאטעסדארף**

געבוירן אין שטאט סערדאהעלי, צו זיין פאטער רבי בצלאל ז"ל און זיין מוטער מרת אסתר ע"ה. ער האט געלערנט ביי הגאון רבי יהודא אסאד זצ"ל וואס האט זיך זייער משתעשע געווען מיט אים. שפעטער האט ער געלערנט ביי הגאון בעל כתב סופר זצ"ל אין פרעשבורג, און דערנאך האט ער געלערנט ביי הגאון רבי מיכאל פפא זצ"ל. ער האט חתונה געהאט מיט מרת בילא קראסל ע"ה, טאכטער פון הגאון רבי אהרן זינגער זצ"ל ראב"ד ור"מ דק"ק מאטערסדארף ובעל תפארת אהרן. נאכן פטירה פון זיין שווער האט מען אים אויפגענומען אלס מ"מ ראב"ד אין שטאט מאטעסדארף. ער איז געווען מפורסם אלס גרויסע גאון און אסאך קהילות האבן אים געבעטן אז ער זאל אנעמען די רבנות פאסטן ביי זיי אין שטאט, ער האט אבער נישט געוואלט אוועקגיין פון מאטערסדארף. ער איז נסתלק געווארן זייענדיג זקן ושבע ימים, ביום כ"א כסלו שנת תרפ"ד ומנו"כ אין שטאט מאטסדארף. (ראה גליון דור רבניו וסופריו גליון א')

**הרה"צ רבי דוד טווערסקי זצ"ל**
**אדמו"ר מהוצעליס – באהוש**

געבוירן בערך שנת תרמ"ב צו זיין פאטער הרה"ק רבי מרדכי זוסיא מהוצעליס זצ"ל און זיין מוטער מרת חוה גיטל'ע בת הרה"ק רבי יצחק מבאהוש זצ"ל. ער האט חתונה געהאט מיט מרת גיטל'ע, דער טאכטער פון זיין פעטער הרה"ק רבי ישראל שלום יוסף פרידמאן מבאהוש זצ"ל. בשנת תרפ"ט איז ער נתמנה געווארן דורך זיין שווער אלס ראש ישיבת בית ישראל אין באהוש. שפעטער, נאכן הסתלקות פון זיין שווער, בשנת תרפ"ג, איז ער געווארן מ"מ אלס אדמו"ר אין בוהוש. אינאיינעם מיט זיין שוואגער הרה"צ רבי מענדלע מבאהוש זצ"ל האט ער געפירט די עדה אין באהוש. ער איז געווען מפורסם מיט זיין הכנסת אורחים, זיין הויז איז געווען אפען פאר יעדע דורש ומבקש. ווי אויך איז ער געווען זייער גרויס אין די כשרון פון מאלעריי און זיינע קונסט ווערק זענען באוואונדערט געווארן דורך די גרעסטע מומחים. סוף ימיו איז ער זייער קראנק געווען ל"ע אין זיין טאטע האט זיך מיט אים מטפל געווען כרחם אב על בנו, אין אים אריבער געפירט צו זיך אין הויז אין שטאט יאסי, ווי דארט איז נפטר געווארן בזרועות אביו מתוך יסורים גדולים ומרים, ביום כ"א כסלו שנת תרצ"ח ומנו"כ אין יאסי. (ראה בספר נר ישראל - ריזשין ח"ו בערכו)

## כ"ב כסלו

**הגה"ק רבי משולם [שלמה] זלמן מירלש ניימארק זצ"ל**
**אב"ד אה"ו**

געבוירן בערך שנת שפ"ד אין שטאט וויען – עסטרייך, צו זיין פאטער הגאון רבי יעקב דוד קאפיל זצ"ל ראב"ד וויען בן הגאון הגדול רבי נפתלי צבי הירש זצ"ל אב"ד פולדא. ער האט חתונה געהאט דריי מאל. בזיווו"ר איז ער געווען אן איידעם ביי הגה"ק המקובל רבי יעקב תעמירלש זצ"ל בעל ספרא דצניעותא דיעקב, ובזיוו"ש האט ער חתונה געהאט מיט מרת מרים ע"ה בת הקצין רבי נתן פרידלענדער ז"ל ראש מדינת פיהם בפראג, ובזיווג שלישי מיט מרת גנענדיל ע"ה טאכטער פון הגאון רבי יעקב אב"ד וויען (ראה בצפונות גליון י"ג וי"ד). בשנת ת"ל האט דער עסטרייכ'שער קעניג, לעאפאלד דער ערשטער, ארויסגעגעבן א גזירת גירוש פאר די אידן וועלכע האבן געוואוינט אין וויען. ער האט דאן פארלאזט די שטאט און איז געפארן זיך באזעצן אין שטאט בערלין – דייטשלאנד. בשנת ת"מ איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין די שטעט אה"ו (די דריי קהילות אלטנא האנבורג וואנזבעק). פאר זעקס און צוואנציג יאר האט ער באשיינט דאס רבנות ביז סוף ימיו. אויך האט ער דארט אויפגעשטעלט א ישיבה פאר תלמידים. מיט זיין השתדלות האט מען בשנת תנ"א אויפגעבויט א בית הכנסת גדול וואס איז בשעתו געווען פון די שענסטע בתי מדרשים איבער גאנץ אייראפא. ער איז געווען א גאון אדיר חריף ובקי בתלמוד ובפוסקים, און אן עושר אדיר.ער איז געווען מכובד אין די גאנצע וועלט. ער איז נסתלק געווארן זקן ושבע ימים, ביום כ"ב כסלו שנת תס"ז, אלט זייענדיג דריי און אכציג יאר ומנו"כ אין אלטונא. ער האט איבערגעלאזט א דור ישרים ומבורך האבנדיג פינף אין צוואנציג קינדער און האט זוכה געווען נאך בחיו צו זען די פיפטע דור און איבער פיר

הונדערט יוצ"ח. (ראה מגילת ספר לנכדו היעב"ץ ובספר חכמי אה"ו ח"א)

## הגאון רבי אברהם גלאזנער זצ"ל
## אבדק"ק קלויזנבורג

געבוירן שנת תקפ"ה צו זיין פאטער רבי יקותיאל זצ"ל. ער האט געלערנט אין די יוגנט ביי הגאון רבי שלמה קוועטש זצ"ל אב"ד ניקלשבורג און ביי הגאון בעל כתב סופר מפרעשבורג זצ"ל. ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הגאון רבי דוד צבי עהרנפעלד זצ"ל איידעם פון מרן חתם סופר זצ"ל. און יאר תרכ"ג איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט קלויזנבורג און געפירט די שטאט ביד רמה על מי מנוחות ועל אדני התורה והיראה. אויך האט ער אנגעפירט א ישיבה על דרך זקינו מרן החת"ס זצ"ל און ער איז געווען מפורסם פאר א גרויסן גאון ובקי. ער איז נפטר געווארן ביום כ"ב כסלו שנת תרל"ח אין עלטער פון צוויי און פופציג יאר ומנו"כ אין קלויזנבורג. (ראה בספר העיר קלויזנבורג וקהילותיה)

# כ"ג כסלו

## הגאון רבי דוד טעבלי הכהן שיף זצ"ל
## גאב"ד לאנדאן

געבוירן אין שטאט פראנקפורט דמיין צו זיין פאטער הגאון רבי שלמה זלמן הכהן זצ"ל, וועלכער האט געשטאמט פון די משפחות המיוחסות אין פראנקפורט, זיי זענען געווען אייניקלעך פון הגאון רבי אורי פייבוש שיף זצ"ל (ברידער פון הג"ר יעקב, טאטע פונעם מהר"ם שיף זצ"ל). זיין מוטער איז געווען מרת ריזכע ע"ה, טאכטער פון הנגיד רבי משה אברהם אברלי לונדון זצ"ל פרנס הקהילה אין לאנדאן. אלס בחור האט ער געלערנט ביי הגאון ר' יעקב כ"ץ פופרש זצ"ל בעל השב האפוד, דערנאך איז ער געווארן א תלמוד מובהק פון הגה"ק בעל פני יהושע זצ"ל אב"ד פראנקפורט דמיין, וואס האט אים געגעבן סמיכה להוראה. בשנת תק"ח האט ער חתונה געהאט מיט מרת בריינלה ע"ה, טאכטער פון רבי אייזיק זינצעהיים ז"ל. נאך די חתונה האט ער פארגעלערנט אינעם קלויז אין ווארמייזא, וואו ער איז געשטעלט געווארן אלץ ראש הקלויז. ער איז געזעצן אין געלערנט יומם ולילה און זיך נישט אוועקגערירט מד' אמות של הלכה. בשנת תקי"ח האט ער זיך באזעצט אין שטאט וויען – עסטרייך און דארט געדינט אלס מגיד משרים. שפעטער, בשנת תק"כ, איז ער נתמנה געווארן אלס דומ"ץ אין שטאט פראנקפורט דמיין וואס בראש איז געווען הגאון רבי אברהם אביש מליסא זצ"ל (רבי אבישל פראנקפורטער). זייענדיג אין פראנקפורט האט ער געעפנט א גרויסע ישיבה וואו עס האבן געלערנט אסאך שפעטערע גדולי הדור. צווישן זיינע גרויסע תלמידים איז געווען הגה"ק רבי נתן הכהן אדלער זצ"ל (רבו של החת"ס). בשנת תקכ"ו איז ער נתמנה געווארן אלס אב"ד הביהכ"נ הגדול האשכנזי (ד"י גרעי"ט סינאגו"ג) וסניפיה אין שטאט לאנדאן, וואס איז געווען אויף די גאס דיוק"ס פלעי"ס. פאר גאנצע זעקס און צוואנציג יאר איז ער געשטאנען בראש פון די קהילה אין לאנדאן און ער האט אסאך געטוהן אין די נושא פון שחיטה און כשרות אין שטאט. ער האט אויפגעהויבן די קרן היהדות אין לאנדאן אינאיינעם מיטן דעמאלטס'דיגע לאנדאנ'ער רב פון די ספרדישע קהילה הגאון רבי משה הכהן די אזיווארו זצ"ל אב"ד דק"ק "שערי שמים" שע"י יוצאי ספרד ופארטיגאל בלאנדאן. ווי אויך האט ער געהאט מעשה מתן בהלכה מיט הגאון רבי משלום זלמן עמדין זצ"ל אב"ד דביהכ"נ האמבורג, וואס איז געווען די ראב"ד פון די אשכנז'ישע בית דין. אזוי אויך איז ער געשטאנען על המשמר צוזאמען מיט הגה"ק המקובל רבי שלום בוזאגלו זצ"ל בעל מקדש מלך ודומ"ץ אין די ספרדישע קהילה. ער איז געווען א גרויסער גאון אין מתמיד און געווען זייער שטארק נערץ ביי גדולי דורו און האט זיך געשריבן מיט אסאך גדולים, איינגערעכנט הגה"ק בעל נודע ביהודה זצ"ל, הגה"ק רבי שאול זצ"ל אב"ד אמסטערדאם בעל בנין אריאל, הגאון רבי ישע' פיק זצ"ל, הגה"ק רבי יוסף שטיינהארט זצ"ל אב"ד פירדא ובעל זכרון יוסף און נאך. וואו שטארק אנגענומען ער איז געווען ביי גדולי דורו קען מען זען אויף די טיטלען מיט וואס זיי באצייכענען אים אין די תשובות. דער נודע ביהודא שרייבט אויף אים "אהובי ידידי הרב הגאון המושלם במעלות ומדות כבוד שמו נאה לו וכו' הכהן הגדול מעוז ומגדול כל ישראל ויהודה אוהב את דוד וילך דוד הלוך וגדול כבוד וכו' הרב המאור ומאיר נהיר וצהיר הגאון הגדול המפורסם נ"י פ"ה עה"י כ"ש מוה' טעבל הכהן אב"ד ור"מ דק"ק לונדן" (שו"ת נוב"י יו"ד ס' כ"ה ואבה"ע ס' ע"ו וראה עוד ביו"ד סימן פ"ג). בשנת תקמ"ב האט ער אנטיילגענומען אין די מלחמת קדוש וואס די גדולי הדור האבן דאן געפירט קעגן דער משכיל נפתלי הירץ וויזעל שר"י [נה"ו]. בימיו איז די אשכנז'ישע קהילה גרעסער געווארן און זיך פילפאכיג פארברייטערט און פארמערט. עס איז איבערגעבויט, פארשענערט און פארגרעסערט געווארן די גרעי"ט סינאגוג"ע אלס גיגאנטישע בנין גדול ומפואר און אזוי אויך האט מען בימיו אויפגעבויט די ביהכ"נ החדש (ד"י נו"י סינאגוג"ע) און די ווסטער"ן סינאגוג"ע. אינטער רבי דוד'ס נשיאות איז געווען עטליכע בתי מדרשים, און אזוי אויך די שטעט פילאמס, קענטעבארי, בריסטאל, אין קינקס לאן זענען געווען אונטער זיין פירערשאפט. שפעטער, ווען הגאון רבי משלום זלמן עמדין זצ"ל אב"ד דביהכ"נ האמבורג בלאנדאן האט פארלאזט לאנדאן האט זיך דעמאלטס פאראייניגט די האמבורג קהילה וסניפיה וואס האט אויך געהאט עטליכע בתי מדרשים אונטער זייער פירערשאפט. אזוי אויך די שטאט פורטסמוס איז געווען אונטער די פירערשאפט פון די האמבורגע קהילה. די אלע קהילות זענען פאראייניגט געווארן אונטערן שירעם קהילה, "ק"ק כנסת ישראל [- יונייטע"ד סיניגא"ג] לאנדאן והמדינה" וואס גייט אן ביזן היינטיגן טאג. רבי טעבלי איז זייער נישט צופרידן געווען מיט די שוואכע אידישע צושטאנד ברוחניות אין וואס די שטאט האט זיך געפינען אין יענע צייט. מער ווי איינמאל האט ער געמאכט השתדלת'ער צו באקומען א רבנות פאסטן אין אנדערע שטעט אבער מלמעלה האט מען געמאכט אז ער זאל דארפן בלייבן אין לאנדאן אז ער זאל קענען דארט אויפטוהן לחיזוק הדת. רבי טעבלי איז נסתלק געווארן ביום כ"ג כסלו שנת תקנ"ב ומנו"כ אינעם אור - אלטן ביה"ח העתיק שע"י ק"ק כנסת ישראל אויף אלדנערנ"י ראוי"ד בשכונת מיי"ל ענ"ד אין שטאט לאנדאן. מח"ס לשון הזהב על הש"ס ושו"ת ודרשות עה"ת. (ראה מבוא לספרו לשון הזהב לאנדאן תשנ"ז) מקום מנוחת קדשו איז א תל תלפיות און מקום מסוגל לישועות פון הונדערטע אידן וועלכע קומען מתפלל זיין און פועל'ן ישועות למעלה מדרך הטבע.

דער ביה"ח וועט אי"ה זיין אפן דעם קומענדיגע זונטאג פרשת וישלח.

**27 Alderney Road E1 4EG London**

**עס נעמט צו פארן א האלבע שעה פון די היימישע סטעמפארד היל געגנט.**
**פאר א הזכרה ביטע רופט וועד למען קדושי ענגלאנד.**
**אין אמעריקא-1-845-315-1110 /אין אייראפא- 44-7876-314238**

# כ"ד כסלו

## רבינו אברהם אבולעפיא זצ"ל

געבוירן שנת ה' אלפים א' אין שטאט סאראגאסע אין שפאניע

צו זיין פאטער רבינו שמואל זצ"ל. יונגערהייט איז ער געפארן אינאיינעם מיט זיין פאטער צו די שטאט טאלעדא-שפאניע. ער איז געווען א תלמיד פון זיין טאטע'ן און פונעם מקובל רבינו ברוך תורגמי זצ"ל וואס האט מיט אים געלערנט חכמה הקבלה. דורכאויס זיין לעבן איז ער אסאך ארום געפארן איבער די וועלט. זיין ערשטע נסיעה איז געווען קיין ארץ ישראל וואו ער האט געפלאנט צו טרעפן די עשרת השבטים. אויפן וועג האט ער זיך אפגעשטעלט אין גריכלאנד און האט דארט חתונה געהאט מיט זיין פרוי. ווען ער איז אנגעקומען אויף עכו, איז דאן ארץ ישראל געווען פול מיט די רציחות פון די קרייץ ציגלער, איז ער פון דארט געפארן צו די שטאט קפואה אין איטאליע. דארט האט ער געלערנט חכמת הפילוסופיא ביי רבינו הלל מווירונא זצ"ל. פון דארט האט ער זיך צוריקגעצויגן קיין שפאניע. בשנת ה' אלפים מ' האט ער פראבירט איבער צו רעדן דער הויפט גייסטליכער פון די קריסטן אין רוים זיך מגייר צו זיין, און פאר דעם חטא האט מען אים דן געווען צו פארברענט ווערן לעבעדיגערהייט. ממש איידער מען האט דאס געוואלט אויספירן האט ער מצליח געווען צו אנטלויפן פון שטאט. גלייך נאכדעם איז דער גייסטליכער פירער געשטארבן. שפעטער האט מען אים געכאפט און ער איז געזעצן אין תפיסה פאר פיר וואכן. נאכן באפרייט ווערן איז ער קראנק געווארן בחולי הרוח און איז געגאנגען צו די שטאט מסינה, אויפן אינזל סיצילה נעבן איטאליע. דארט האט ער איינגעזאמלט אסאך תלמידים און ער האט אנגעהויבן צו רעדן פון די גאולה, זאגנדיג אז משיח גייט קומען שנת ה' אלפים נ'. דאס האט מעורר געווען א גרויסע התנגדות פון די אידן אין שטאט. זיי האבן דאן אנגעפרעגט דער רשב"א וואס האט גאר שארף ארויסגעטראטן קעגן רבי אברהם און האט אים חושד געווען אלס משיח שקר.(ראה תשובות הרשב"א ח"א סימן תקמ"ח) רבי אברהם האט דאן ארויסגעגעבן צוויי חיבורים קעגן זיינע מתנגדים און ער האט געטענה'ט אז דער רשב"א קען אים נישט און ער איז דן נאר על פי השמועה. דער חיד"א אין שם הגדולים (חלק הספרים מערכת ח' אות ע"ו) שרייבט אויף אים "ודע שהרשב"א בתשובותיו והרב יש"ר [מקנדיא] זילזלו בו כאחד הריקים ויותר, ברם קושטא קאמינא דחזיתיה לרב גדול ממארי דרזין, בישראל גדול שמו ואחרי דברו לא ישנו, שהוא מקרב להרב הנזכר, ותושע לו ימינו וכו'" (דער רב גדול מיינט דער חיד"א אדער רבי חיים וויטאל זצ"ל בשערי קדושה בחלק רביעי שער הראשון אדער רבי משה קורדאוויארו זצ"ל בפרדס רומנים שער כ"א פרק ב' ראה בהגהות השה"ג במהדורות המאור). ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ד כסלו שנת ה' אלפים נ"ט. ער האט מחבר געווען אסאך ספרים אויף חכמת הקבלה און צירופי שמות ואותיות ונוטריקון. (ראה בספר אוצר הגדולים אלופי יעקב בערכו)

## כ"ה כסלו

### הגאון רבי יעקב יוקב עטלינגער זצ"ל
### אבד"ק אלטונא בעל ערוך לנר

געבוירן ביום כ"ט אדר שנת תקנ"ח אין קארלסורה, די הויפט שטאט פון מדינת באדען אין דרום מעריב דייטשלאנד, צו זיין פאטער הגאון רבי אהרן זצ"ל וואס איז געווען רב אין די קלויז אין קארלסורה, און צו זיין מוטער מרת רעכל רחל ע"ה. יונגערהייט האט ער געלערנט תורה ביי זיין טאט'ן און דערנאך ביים רב פון שטאט קארלסורה הגאון רבי אשר וואלערשטיין זצ"ל בן הגאון בעל שאגת ארי' זצ"ל. ביי די אכצן יאר איז ער געפארן קיין ווירצבורג ווי ער האט געלערנט אלגעמיינע לימודים, אבער אין די זעלבע צייט האט ער אויך מקבל געווען פון הגאון רבי אברהם סג"ל בינגא זצ"ל אב"ד ווירצבורג. שפעטער האט ער געלערנט ביי הגאון רבי וואלף האמבורגער זצ"ל אב"ד פירדא. כשהגיע לפרקו האט ער חתונה געהאט מיט מרת גנענדל ווארמסער זצ"ל. נאך דעם וואס זי איז אוועק האט ער חתונה געהאט בזיוו"ש מיט מרת שבע מאיר ע"ה בת רבי ברוך מווירצבורג ז"ל. בשנת תקפ"ו איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב פון די לאנדבורגער קרייז וואס געפינט זיך נעבן די שטאט מאנהיים, ובשנת תקצ"ו איז ער אויפגענומען געווארן צו דינען אלס רב אין די עיר ואם בישראל אלטונא. דארט האט ער אויך אויפגעשטעלט א ישיבה פאר תלמידים. רבי יעקב איז געווען א גרויסער גאון און פוסק, א לוחם מלחמת ה' און געווען פון די מנהיגי ישראל צווישן דעם ארטאדאקסישן אידנטום. לעבנדיג אינמיטן די פינסטערע צייטן אין דייטשלאנד, ווען רעפארם און השכלה האט געבושעוועט אויף א שרעקליכן פארנעם האט ער ספעציעל געלערנט מיט אידן וויאזוי מען מוז באקעמפן די מהרסי הדת און די מלחמה האט ער געפירט עד חרמה. איינע פון זיינע גרויסע אויפטוה'נגען איז געווען דאס גרינדן אן אידישע צייטונג אויף די דייטשע שפראך וואס האט געהייסן "דער טרייע ציאנס וואכטער", און צו דעם איז געווען א לשה"ק אויסגאבער שומר הציון הנאמן וואס האט ענטהאלטן אין זיך חידושי תורה, שאלות ותשובות, שירים ועוד. ער איז נסתלק געווארן ביום כ"ה כסלו שנת תרל"ב אלט זייענדיג דריי און זיבעציג יאר ומנו"כ אין אלטונא. מח"ס ביכורי יעקב – תוספת ביכורים על הלכות סוכה ולולב, שו"ת בנין ציון, ערך לנר על הש"ס, מנחס עני עה"ת.

### הגאון רבי חיים האגער מאנטוניא זצ"ל

ער איז געבוירן ביום כ"ג אייר – ל"ג בעומר שנת תרכ"ג צו זיין פאטער הרה"ק רבי ברוך מוויזשניץ זצ"ל בעל אמרי ברוך און צו זיין מוטער מרת צפורה טאכטער פון הרה"ק רבי ארי' לייב שפירא זצ"ל מזיטאמער. יונגערהייט איז ער אויפגעוואקסן בצ"ק פון זיין זיידן הרה"ק רבי מענדלע וויזשניצער זצ"ל בעל צמח צדיק. ווען ער איז אלט געווען בלויז דרייצן יאר איז ער נסמך געווארן דורך גדולי דורו הגאון רבי שלמה דרימער זצ"ל בעל בית שלמה, הגאון רבי יצחק אהרן איטינגער זצ"ל אב"ד לעבערג זצ"ל, הגאון רבי יעקב ווידינפעלד זצ"ל בעל כוכב מיעקב און הגאון רבי יצחק שמעלקיס זצ"ל בעל בית יצחק. בזיוו"ר האט ער חתונה געהאט מיט מרת פסי' לאה בת הרה"ק יצחק מבהוש זצ"ל ובזיוו"ש מיט די טאכטער פון הרה"ק רבי שרגא יאיר ראבינאוויטש מביאלאבזריג זצ"ל ובזיווג שלישי מיט די טאכטער פון הרה"ק רבי צבי הירש הורוויץ מראזאדוב זצ"ל. נאכן הסתלקות פון זיין טאטע'ן, ביום כ' כסלו שנת תרנ"ג, האט ער זיך באזעצט אין שטאט אנטוניא, דארט האט ער אנגעפירט מיט די עדה הקדושה. בשנת תרנ"ה איז ער אויפגענומען געווארן אלס נשיא פון די כולל בוקאווינא לעניי ארץ הקודש – רבי מאיר בעל הנס. ביי די ערשטע וועלט מלחמה איז ער אנטלאפן קיין וויען – עסטרייך, נאך דעם האט ער זיך באזעצט אין שטאט סטאניסלאב. ער איז געווען מפורסם אלס גאון וגדול און פלעגט אסאך רעדן אין לערנען מיט רבנים אין לומדים, אנדערש ווי זיין ברידער הרה"ק בעל אהבת ישראל זצ"ל וואס פלעגט זיין איינגעהאלטן אין דעם ענין. טויזנטע חסידים האבן זיך מסתופף געווען בצלו. ער אין נסתלק געווארן ביום כ"ה כסלו שנת תרצ"ב ומנו"כ אין סטאניסלוב מח"ס טל חיים עה"ת, נמוקי חיים על הש"ס.

ליטול חלק בהוצאת הגליון ולהארות והערות או לקבל הגליון,
ניתן לפנות
yoimabhillula@gmail.com